**גוט שבת אלע אידן.** פון דער וואכעדיגער סדרה קענען מיר ארויסלערנען וויכטיגע יסודות בנוגע די מצוות בין אדם לחבירו. ווען יוסף הצדיק ע״ה האט געוואלט זיך מגלה זיין פאר זיינע ברידער, לויט רש״י און דער רמב״ן, האט יוסף ארויסגעשיקט אלע מצריים, כדי נישט צו פארשעמען זיינע ברידער. יוסף הצדיק האט געקענט אפשר האבן טענות אויף זיינע ברידער וועגן דעם וואס זיי האבן אים פארקויפט פאר א קנעכט. אבער יוסף הצדיק האט פארט נישט געוואלט פארשעמען זיינע ברידער. פון דא זעט מען די וויכטיגקייט פון זיין פארזיכטיגט מיט יענעם, און אכטונג געבן נישט צו בעליידיגן יענעם. פארקערט, דארפן מיר אייביג זוכן צו מחייה זיין אידן. איז לאמיר רעדן אביסל פון דאס וויכטיגקייט פון די מצוות בין אדם לחבירו.

דורך די דורות זענען געווען אידן וואס זענען געווען גאונים אין די מצוות בין אדם לחבירו. די פאלגענדע מעשה ווייזט די גדלות פון א לעצטדיגע גאון אין די מצוות בין אדם לחבירו. ״בֶען ריטשארדס״ (נישט זיין עכטע נאמען) איז געבוירן געווארן צו ערליכע עלטערן אין ברוקלין אין די תש״ס. ליידער, האט די ריטשארדס משפחה געוואוינט אין א געגענט וואס איז נישט געווען מסוגל צו יראת שמים און דער געגענט האט נישט געהאט קיין פעסטע אידישע קהילה. וועגן דעם האט דער בחור בֶען נישט געהאט קיין שטארקע אידישע השפעה אין די יונגע יארן. בֶען איז נישט געווען אזוי אינטערעסירט אין לערנען, נאר ער האט זיך אינטערעסירט אין נאטור זאכן, אזוי ווי חיות אוןביימער וכדו׳. ער האט גענומען ליינען אלע מיני ביכער אויף דעם ענין פון נאטור. צוביסלעך, האט בֶען אוועקגעגליטשט פון אידישקייט רח״ל.

ביי די זיבעצטען יאר, האט בֶען מיישב געווען אז ער וויל נישט מער וואוינען אין ברוקלין. נעבאך, ער האט שוין נישט געהאט קיין סיפוק פון אידישקייט. נישט נאר דאס אבער, ער האט נישט געקענט פארטראגן דעם לעבן אין דעם שמוציגע שטאט מיט אזוי פיל קארס און גארבידזש אויף די גאסן וכו׳. ער האט דעם גאנצן טאג געחלומ׳ט וועגן וואוינען אין א פלאץ מיט פרישע לופט. צוליב זיין אומצופרידענקייט אין זיין לעבן, האט ער ביי די זיבעצטען יאר זיך מיישב געווען צו פארן צו די מערב סטעטס פון אמעריקע, וואו מען קען וואוינען אין נאטור, אזוי ווי מען וואוינט אין די קאנטרי. בֶען האט געוואלט עכט שפירן דעם נאטור, וועגן דעם איז ער געגאנגען וואוינען מיט א גרופע פון אינדיאנער.

כדי צו פארשטיין די מורא׳דיגע השגחה פרטית פון דער מעשה, דארפן מיר יעצט מקדים זיין אביסל וועגן די אינדיאנישע פאלק. די אינדיאנער זענען געווען דא אסאך דורות אין אמעריקע פאר מענטשן זענען געקומען וואוינען דא פון יוראפ בערך 500 יאר צוריק. די אינדיאנישע פאלק זענען געווען א גאנץ פשוט׳ער פאלק וואס האבן געלעבט פון פאנגען חיות און עסן ווילדע תבואה. זיי זענען געווען אזוי פשוט אז זייערע שפראכן האבן נישט געהאט קיין שרייבן, זיירע שפראכן זענען נאר געווען ״בעל פה״. זייערע רעליגיע איז עבודה זרה ממש, ד״ה זיי דינען די זון און די לבנה. זיי האבן געוואוינט דא אין אמעריקע כמעט ווי די חיות. רוב אינדיאנער זענען געהרג׳עט געווארן דורך די אייראפעישע מענטשן וואס זענען געקומען זיך באזעצן דא אין אמעריקע. אבער, עס זענען געבליבן דא אין אמעריקע עטליכע גרופעס פון אינדיאנער וואס וואוינען נאך אלץ ווי אמאל, ד״ה פאנגען חיות און עסן ווילדע תבואה וכו׳. בקיצור, אונזערער אפגעפארנע בחור בֶען איז געפארן וואוינען מיט א גרופע פון אזעלכע מיני אינדיאנער.

בֶען איז געווען צופרידן צווישן די אינדיאנער אין די נאטור מיט פרישע לופט, אן קיין קארס און אן קיין ׳טרעפיק.׳ בֶען האט געלערנט זייער שפראך. ער האט געלערנט אלע זייער וועגן פון לעבן און ער איז אפילו געגאנגען אנגעטון מיט זייער לבוש. בקיצור, ער איז געווארן אן עכטער אינדיאנער. ער איז נעבאך געווען גאר גאר ווייט פון זיין טאטעס הויז און ווייט פון זיינע טעג אין ישיבה. איין טאג נאך דעם וואס ער האט געוואוינט צווישן די אינדיאנער שוין אפאר יאר, האט בֶען געהערט וועגן א גרוסער אינדיאנער גלח. די אינדיאנער האבן איינגערעדט אז דער גלח קען אלע סודות פון די בריאה, להבדיל. כאטש בֶען האט נישט געשפירט א טעם אין אידישקייט, האט ער אייביג געזוכט עפעס מער אין זיין לעבן. וועגן דעם, איז בֶען געפארן באזוכן דעם גלח, כדי צו הערן די טיפקייט פון זייער עבודה זרה. דער גלח האט געוואוינט ערגעץ אין מיטן א וואלד. עס האט גענומען צו גיין אפאר טעג דורך וועלדער אנצוקומען צו דעם גלח. ווען בֶען איז סוף כל סוף אנגעקומען, איז ער גלייך אריינגעגאנגען צום גלח. בֶען האט פרובירט צו ווייזן פארן גלח זיין וויסן פון אינדיאנישע שפראך און קולטור, אבער דער גלח האט נישט אנגענומען בֶען, זאגענדיק ״דו ביסט נישט קיין אינדיאנער, דו האסט נישט קיין שייכות מיט אונז...״ בֶען איז געווארן איבערראשט! ער האט אזוי פיל כוחות אריינגעלעגט אין זיין נייע לעבן, און יעצט האט דער הויפט-אינדיאנער אים אוועקגעמאכט! יעצט איז בֶען אינגאנצן געווען צומישט וואס צו טון אין זיין לעבן. אפאר טעג שפעטער האט בֶען זיך מיישב געווען אז ער דארף אהיים פארן צוריק קיין ניו יארק. אפשר דארט וועט ער טרעפן זיין וועג אין לעבן.

ווען בֶען איז אהיימגעקומען, איז ער געגאנגען רעדן מיט זיינע אלטע חברים מיט וועמען ער האט נישט גערעדט שוין אסאך יארן. בֶען האט געזוכט מענטשן וואס קענען אים העלפן טרעפן זיין דרך אין לעבן. בֶען האט געמאכט א

לאנגע צעטל מיט אסאך נעמען פון פארשידענע סארט אורגאנעצאציעס, און ער איז געגאנגען צו אלע מיני פלעצער אין די ניו יארק געגענט כדי זיך נאך צו פרעגן עצות פון זיי. ער איז דורך געגאנגען כמעט אלע נעמען אויפ'ן צעטל, און קיינער פון זיי האט נישט געקענט פאר אים טרעפן זיין דרך אין לעבן. אבער, עס איז נאך געבליבן איין נאמען אויפ'ן צעטל: הרב שלמה פרייפעלד ז"ל, וועלכע האט געגרינדעט די ישיבה "שאר ישוב" אין פַאר ראקאוועי. איין טאג דערנאך, איז בֶען געפארן קיין **פאר ראקאוועי** כדי צו רעדן מיט דעם ראש ישיבה רב פרייפעלד. דעמאלט האט בֶען מער אויסגעקוקט ווי א גוי ווי א איד, ווייל ער האט געהאט לאנגע האר. כאטש בֶען איז געווען אינגאנצן פריי, ער האט פארט געשפירט אביסל כבוד פאר'ן רב פרייפעלד. וועגן דעם ווען בֶען איז אריינגעגאנגען אין דער ישיבה, האט ער בעהאלטן זיין לאנגע "פָאני" פון האר אונטער זיין העמד.

דער רב פרייפעלד האט באגרוסט בֶען מיט א ווארעמע שמייכל און א ווארעמע "שלום עליכם." די ווארעמע אויפנאמע האט גלייך געמאכט א שטארקען רושם אויף בֶען. דער ראש ישיבה און בען האבן גערעדט בערך א שעה. עס איז געווען אינטערעסאנט פאר בֶען, אז רב פרייפעלד האט געפרעגט בֶען וועגן די אינדיאנער. בֶען האט זיך פארגעשטעלט אז רב פרייפעלד וועט וועלן רעדן נאר וועגן תורה און אידישקייט. אבער די מציאות איז געווען אנדערש, ווייל רב פרייפעלד האט נאר גערעדט וועגן זאכן וועלכע זענען געווען אינטערעסאנט פאר בֶען. ווען בֶען איז ארויסגעגאנגען פון רב פרייפעלדס אפיס, האט רב פרייפעלד באמערקט אז בֶען האט באהאלטן זיין לאנגע "פאני" פון האר אונטער זיין העמד, האט דער רב פרייפעלד גערופן צו בֶען זאגענדיק: "דו האסט אזוי שיינע האר! פארוואס האסטו עס באהאלטן?" בֶען איז אוועקגעגאנגען פון רב פרייפעלד אן אנדערע מענטש. ווייל בֶען האט קיינמאל נישט באגעגענט אזא ווארעמע מענטש.

בֶען איז צוריק געקומען כסדר צו שמועסן מיט רב פרייפעלד אין זיין אפיס וואס איז געווען פיל געפאקט מיט ספרים. (עס ווערט געשאצט אז רב פרייפעלד ז"ל האט געהאט בערך 15,000 ספרים.) די צוויי האבן כסדר געשמועסט וועגן פאנגען הירשן, און וועגן פלאנצן תבואה און אסאך אנדערע זאכן וועלכע זענען געווען שייך צו די אינדיאנער. רב פרייפעלד האט שטארק מקרב געווען בֶען. אבער, בֶען האט נאך נישט געהאלטן ביי היטן תורה און מצוות.

איין טאג, ווען זיי האבן גערעדט אין רב פרייפעלדס אפיס, איז א בחור אריינגעקומען זאגענדיק אז זיי דארפן דעם ראש ישיבה אין בית מדרש. רב פרייפעלד איז אוועקגעגאנגען פונעם אפיס, לאזענדיק בֶען אליינס. בֶען האט גענומען ארומקוקן אויף אלע ספרים. די ספרים שענק זענען געווען אנגעפאקט מיט ספרים. ווען בֶען האט זיך אוועקגעשטעלט שטיין אויפ'ן אנדערע זייט פון רב פרייפעלדס טיש, האט ער געזען אן אינטערעסאנטע זאך, עטליכע ספרים זענען געווען אויפ'ן פלאר. בֶען איז געווארן איבערראשט! שטעל דיך פאר אז הייליגע ספרים ליגן אויפ'ן פלאר! אפילו בֶען איז געווען אינגאנצן פריי, האט ער נישט געקענט גלייבן אז דער ראש ישיבה זאל לאזן ספרים ליגן אזוי. ווען בֶען האט אויפגעהויבן די ספרים, האט זיין לעבן זיך געטוישט אויף אייביג. ווייל די ספרים זענען נישט געווען קיין הייליגע ספרים, נאר, זיי זענען געווען ביכער וועגן די אינדיאנער! רב פרייפעלד האט זיך מטריח געווען צו פארשאפן די ביכער כדי צו קענען רעדן מיט בֶען זאכן וועלכע זענען געווען אינטערעסאנט פאר בען! יעצט האט בען נישט געדארפט מער זוכן, ווייל ער האט געטראפן זיין דרך אין לעבן. ער איז געווארן אן אמת'ר בעל תשובה און ער האט געלערנט נאך אסאך יארן אין שאר ישוב אין פַאר ראקאוועי. ער איז געווארן א וואוילער איד און ער האט חתונה געהאט. אלעס איז געווען ווייל רב פרייפעלד ז"ל האט געוויזן א שטארקע ליבשאפט פאר בען!

פון דא זעט מען דעם כח פון האבן אין זין יענעם. רב פרייפעלד ז"ל האט מקרב געווען אסאך אידן דורך די יארן, און ער איז געווען א גאון אין די מצוות בין אדם לחבירו. לאמיר פרובירן אביסל מער צו האבן אין זין יענעם. מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס א ווארעמע אויפנאמע אדער א גוט ווארט קען אויפטון ביי א איד. **גוט שבת אלע אידן.**

<u>רפואה שלימה להרה"צ רבי יעקב יוסף בן חי' חנה שליט"א בתוך שאר חולי ישראל</u>

לעילוי נשמת הרה"ח משה יודא אלי' בן ר' אליעזר דוד ע"ה ***** לעילוי נשמת ר' אברהם בן ר' שמעון ע"ה

רפואה שלימה לפערל בת אסתר, חיים שמואל צבי בן מלכה, חנני' י"ט ליפא בן עטיל, חנה חנטשא בת עטיל, הענא קילא בת עטיל בתוך שאר חולי ישראל

<u>שתיקה יפה בשעת התפילה</u> *"כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן."* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג P.O. Box 334, Monsey, New York 10952 (845) 362-3234